בס"ד

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון
שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות **משפטים - תרומה** תשפ"ה ◆ עלון מס': **158**

## דברים שבלב

אויסצויגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### וועלכע ארבעט איז גוט פאר מיר - וועלכע השתדלות דארף איך מאכן?

פארוואס דארף א איד ארבעטן פאר פרנסה? די תשובה דערפאר ווייסן מיר אלע - דער רבוש"ע וויל אז א איד זאל מאכן השתדלות.

דאס איז דער רצון ה'!

דער רבוש"ע וויל אז מיר זאלן טון השתדלות.

וועלכע השתדלות זאל מען מאכן? דער תשובה פון דער בעל חובת הלבבות איז אז יעדער זאל טון די השתדלות וואס ער שפירט אז צו דעם איז ער טויגליך און ווי דער לשון פון דעם רבי'ן איז אין פרק ד' אין שער הבטחון: ואל ירפה מחזור עליהן, כשהן ראויות למידותיו ולגופו, ולאמונתו ולעולמו.

יעדער איד דארף וויסן אז ער האט זיך זיין השתדלות. איין השתדלות איז נישט דומה צו די אנדערע. איינער איז טויגליך ארויפצוקריכן צען שטאק, און דער צווייטער ווייסט אפילו נישט ווי אזוי מען האלט א האמער אין די הענט און אפילו א נאגעל קען ער נישט ארייננהאקן אין די וואנט.

מען קוקט אסאך אז עס זאל זיין פאסיג פאר דעם מענטש פיזיש, אבער מען היפערט איבער די גייסטישע טייל - מען דארף זען אז די גייסטישע טייל זאל שטימען.

יעדער איד האט מידות און שוואכקייטן.

א גוטער ביישפיל דערצו איז די מידה פון כעס.

עס איז דא מענטשן וואס זענען רואיגער - זיי ווערן נישט אזוי שנעל אויפגערעגט. דאגעגן דעם איז דא מענטשן וואס ווערן זייער גרינג נערוועז.

אז א נערוועזער טיפ וועט ארבעטן אן ארבעט וואס ברענגט אסאך כעס, וועט ער געשטרויכלט ווערן מיט אסאך כעס און ער דארף זען צי ער קען זיך שטארקן אויף דעם צי נישט.

אויב נישט, קען זיין אז די ארבעט איז נישט פאסיג פאר אים.

עלטערע מענטשן ווייסן און פארשטיין די שעדליכקייט פון כעס, בפרט נאך וואס מען לערנט דער זוה"ק אין פרשת תצוה, אבער אנדערע וואס ווייסן נישט - דארפן זיך היטן פון איר, און אויב איז די ארבעט א סארט ארבעט וואס שלעפט אריין אין כעס דארף מען אוועקשטיין פון איר.

די השתדלות דארף אויך זיין פאסיג צו מיין דרגה אין אמונה. עס איז דא ארבעט וואס איז אסאך השתדלות, און עס איז דא וואס פאדערן ווייניגער השתדלות.

עס איז ידוע אז די ארבעט איז לויט די אמונה. א גרויסער מאמין דארף מאכן ווייניג השתדלות. דאגעגן א קליינער מאמין נעמט ארויס זיין אמונה פון די ארבעט, און ער דארף אסאך אריינהארעווען ביז ווען ער וועט צוקומען צו האבן וואס ער דארף.

די דערמאנטע נקודות דארפן באגלייטן דער איד ווען עס קומט צו זוכן א פאך וואס איז גוט פאר אים אין א קלארע וועג, און ווי דער רבי פירט אויס דארט: ויבטח עם זה על אלוקיו שלא יעזבהו ולא ירפהו.

אז מען וועט האנדלן אזוי וועט מען זוכה זיין צו טרעפן די ברכה.

ויהי רצון שתשרנה ברכה והצלחה בכל מעשה ידינו, אמן סלה.

**(ארויסגענומען פון שיעור 98 אין שער הבטחון.)**

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### אביסל בזיונות - אסאך רווחים

איך קען א איד וואס איז מצליח למעלה מדרך הטבע.
יעדע זאך וואס ער רירט אן איז ער מצליח.
ער איז מצליח אין געלט, ער טוט גוטע שידוכים מיט די קינדער, ער האט פיינע קינדער, ער שעפט פון זיי הויפענעס פון נחת.
עס איז זעלטן צו זען א איד זאל זיין אזא מוצלח.
היינט איז ער א מוצלח, אבער נישט אייביג איז ער געווען אזא מוצלח. אין זיינע יונגע יארן האט ער געהאט א שווער לעבן. זיין טאטע איז געווען א שווערע מענטש, ער האט זיך מערערע מאל געשעמט מיט זיין טאטע, אבער ער האט זיך געשטארקט איבער זיינע נסיונות.
נאך אין זיינע יונגע יארן האט ער געהאט די קאפ אויפ'ן פלאץ. ער האט פארשטאנען אז הקב"ה האט אים אונטערגעשיקט א נסיון און ער האט זיך מתגבר געווען אויף איר - ער האט מכבד געווען זיין טאטע ממש ביז מסירות נפש.
די אנדערע קינדער אין שטוב האבן נאר געוואלט אנטלויפן פון דעם טאטן, אבער ער האט געטון די פארקערטע - ער האט אים מכבד געווען און געהאט אמת'ע הערצה צו זיין טאטע אז ער האט אפילו געליטן בושות פאר זיין טאטעס וועגן, אבי אז זיין טאטע זאל נישט ווערן פארשעמט.
מיר זענען נישט אין הימל! מיר ווייסן נישט חשבונות שמים! אבער אז מען קוקט מיט טרוקענע אויגן זעט מען אז ער האט די מערסטע מצליח געווען אין לעבן פון אלע אנדערע ברודער און שוועסטער.
זיינע געשוויסטער זענען נישט קיין עקסטערע מוצלחים - ער איז אן אויסגערופענער מוצלח.
דער קאמארנער רבי פלעגט זאגן אז א איד דארף ליב האבן זיין חבר וואס מאכט אים אן בזיונות, ווייל מיר ווייסן אז עס איז נישט דא קיין מקרה אויף די וועלט.
אז ער האט בזיונות איז א סימן אז עס איז דא דינים אויף אים, און מיט די בזיונות קומט ער אפ אויף די וועלט מער ווי הונדערט טויזנט תעניתים וסיגופים.
האבן בזיונות איז נישט קיין גרינגע זאך. צומאל איז עס אומדערטרעגליך, אבער די מעלה איז אז ענדע גייט עס אוועק.
נאך די בזיונות קומט צו גיין די כבוד - מען דארף נאר האבן געדולד און עס אויסווארטן.
עס קען נעמען צייט - אפאר יאר - אבער ענדע קומט די כבוד אן.
אז מען ווייסט אז איבעראל ליגט גוטס, ווייסט מען עס צו שעצן און נתעלה צו ווערן דורך דעם.

**גוט שבת**
**פינחס שפר**

# ניסיך שבכל יום

וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## חדש עלינו את החודש הזה - די ראש חודש שפע

מיין ארבעט הייבט זיך אין די פריע שעה'ן פון טאג.

דאס מיינט פאר מיר אז איך דארף דאווענען יעדן טאג ביי די נץ מנין.

אין א געווענליכע טאג שטעלט זיך אויס זייער גוט, איך קען דאווענען במתינות, עס דאווענט זיך געשמאק און נאכ'ן דאווענען יאגט מען נאך אן צו לערנען אפאר מינוט און מען קומט אן באצייטענס צו די ארבעט, אבער ווען עס קומט אונטער א ראש חודש'דיגע דאווענען און די נץ איז שפעט ווערט עס קאמפליצירט.

עס איז אוממעגליך צו מאכןביידע. אדער דאווענט מען שנעל אדער שפעטיגט מען צו די ארבעט.

עס מאכט זיך נישט קיין סאך ווייל די נץ איז רוב מאל פרי, אבער ווען עס מאכט זיך בין איך אין א דיעלעמע.

ממש לעצטענס האט זיך עס געמאכט. די נץ איז געווען שפעט און עס איז געווען צוויי טעג ראש חודש. דער ערשטער טאג האב איך געטראכט צו מיר אז איך וועל פראבירן צו דאווענען מיט די שנעלע מנין.

איך האב זיך געשטעלט דאווענען מיט זיי אבער זייער שנעל האב איך איינגעזען אז דאס איז נישט פאר מיר, איך קען אזוי נישט רעדן צום מלך מלכי המלכים, איך האב פראבירט נאכצויאגן, אבער עס איז געווען אוממעגליך.

איך בין אוועק פון דעם דאווענען מיט א זויערע געפיל. די שעה אין טאג וואס כ'דאווען פאר הקב"ה דארף נישט אויסזען אזוי. איך האב געמאכט ביי מיר א פעסטע החלטה אז יהיה מה שהיה, מארגן גיי איך נישט צוריק אהין.

ליבערשט וועל איך דאווענען נארמאל ווי א איד און איך וועל שפעטיגן צו די ארבעט.

איי איך וועל דערלייגן געלט - בעסער צו דערלייגן געלט און דאווענען ווי א איד ווי צו אפכיפערן א דאווענען און מישן בלעטער און פארדינען מער געלט.

מיין ארבעט איז אן ארבעט וואס מען קען ערזעצן אבער עס קומט מיט א פרייז, אז איך דערלייג דערביי.

איך האב זיך מתגבר געווען און אריינגעקלינגען א חבר בעטנדיג אז יענער זאל מיר פארטרעטן ביי די ארבעט. איך האב נאך געהאלטן אינמיטן רעדן מיט מיין ממלא מקום ווען איך זע אויפ'ן סקרין די נומער פון מיינער א ידיד, וועלכער נוצט צומאל מיין סערוויס.

איך האב אים צוריקגעקלינגען, און יענער איד בעט מיר אז איך זאל מאכן א דזשאב פאר אים.

ווען די ארבעט איז אויף א פריוואטע פארנעם איז דער פארדינסט אסאך גרעסער. ער האט מיר אנגעטראגן א דזשאב און ברוך ה' אז איך האב פארדינט דערביי א שיינע סומע, פיל מער ווי איך פארדין ביי מיין געווענליכער ארבעט.

איך האב געזען אויפ'ן פלאץ אז פון אפהיטן צו דאווענען ווי א איד דארף - פארדינט מען נאר כפל כפליים.

## השגחה פרטית אויך אין די ווייטע בריטאניע

עס דערציילט רבי יאנקעל פון לאנדאן:

מערערע מאל קומט מיר אויס צו רעדן מיט אידן אין ארץ ישראל. נאטורליך איז אייביג דער שמועס ארום די חילוקים פון ארץ ישראל קיין ענגלאנד. דער ארץ ישראל'דיגער איד וועט מיר געבן דער געפיל ווי אונזער לעבן איז פילפאכיג בעסער און רייכער, מיר לעבן א חיים טובים קעגן דער ארץ ישראל'דיגער איד וואס מוטשעט זיך אויף זיין שטיקל ברויט.

זיי ווילן רעדן פון די גרויסע געלטער וואס די ענגלישע רעגירונג געבט פאר יעדע משפחה, זיי צאלן אויס רענט געלט, זיי געבן פראגראמען און די היימישע אידן אין ענגלאנד פולן אן די טאשן מיט רעגירונגס געלטער, לעבנדיג א רואיגע לעבן ווי די גזירה פון 'בזעת אפך תאכל לחם' האט איבערגעהיפערט ענגלאנד.

עס איז ריכטיג אז די רעגירונג העלפט, אבער עס איז ממש נישט ווי מען לייגט עס אראפ.

אלץ אן איינוואוינער פון ענגלאנד קען איך זאגן אז מיר מוטשענען זיך היבש מיט געלט סיי אויפ'ן טאג טעגליכער לעבן, און ווער רעדט נאך ווען עס קומט חתונה צו מאכן א קינד. איך בין א מגיד שיעור אין א ישיבה, איך דארף הפנים באקומען א לייטישע געהאלט, אבער די ישיבה מוטשעט זיך מורא'דיג מיט די געהאלט, אז מען קען נישט בויען אויף דעם. צומאל צאלט מען א חלק געהאלט און צומאל דאס אויך נישט.

אויך ווען מען רעדט פון די רעגירונגס געהאלט איז עס נישט אזוי גלאטיג ווי מען לייגט עס אראפ. די געלט רינט נישט אריין אין באנק ווי מען שטעלט זיך פאר. לעצטענס האט די רעגירונג אנגעהויבן מאכן שווער דאס לעבן און זי פאדערט שווערע באדינגען אז מען זאל קענען באקומען די געלטער, און צומאל ווערט זיך די געלט אויפהאלטן ביי זיי צוליב טעכנישע קלייניגקייטן.

דאס אלעס געשעט ווען די קאסטן שטייגט און קיין איינער פארציכטעט נישט אויף גארנישט. די קינדער פאדערן עסן, די מוסדות שכר לימוד, די לעקטער, די געז אירעס און די ליסטע גייט אן לענגער און לענגער.

ווי אזוי געבט מען זיך אן עצה? די תשובה איז אמונה און בטחון. עס איז דא בעסערע צייטן, אבער דאגעגן איז דא צייטן ווען איך טאַפּ א וואנט. אין די טעג וועל איך זיך אנגארטלען מיט אמונה און מיט דעם אריבערגיין דעם ים. איינס פון די זאכן וואס ערמוטיגן מיר איז די שיעורים פון ר' דוד קלעצקין שליט"א וועלכע איך הער אויס כסדר. זיי פולן מיר אן מיט אמונה און געבן מיר כח און קראפט צו קענען דורכשטופן די שווערע מאמענטן.

מיט א שטיק צייט צוריק האב איך געהאט א שווערע צייט. איך האב זיך פארהאנקערט מיט די רעגירונג, זייערע געלטער זענען נישט אנגעקומען, עפעס א פעלער איז געשען אין די דאקומענטן, און איך בין געבליבן שטעקן מיט זיי. אין די זעלבע צייט האט זיך געזאמלט א גרויסער חוב אין די ישיבה און איך בין געבליבן אויסגעזעקלט פון אלעס.

איך בין געווען זייער דערשטיקט. אין שטוב האט מען געפאדערט געלט, אבער עס איז נישט געווען פון וואו צו נעמען.

איך האב געזאגט אין שטוב אז איך האב נישט קיין געלט אויף די מינוט, אבער איך שפיר אז עס גייט קומען גוטע צייטן.

יענעם טאג האב איך מתפלל געווען מעומקא דלבא, איך האב געבעטן צום אויבערשטן און געזאגט אז דער מצב איז אזוי דערדרוקט אז איך זעה נישט קיין וועג ארויס.

יענעם טאג ארויסגייענדיג פון שול באגעגן איך א חבר און ער הייבט אן צו רעדן מיט מיר. ער דערציילט מיר אז עס ליגט ביי אים א סומע פון פינף טויזנט פונט און ער וויל עס פארבארגן פאר מיר.

איך האב זיך געפרייט צו די הצעה און עס גענומען, אבער דאס איז נאר געווען דער אנהייב.

א שטיק צייט שפעטער האט א נאנטער וואס האט מיטגעהאלטן מיין מצב זיך פארבינדן מיט מיר. ער האט מיר געזאגט אז ער וויל מיר העלפן אריינצוברענגען די יום טוב אין שטוב. עס איז געווען פאר פסח, און דער איד האט אריינגעשיקט א שיינע סומע אויף יום טוב.

ממש אין די זעלבע צייט האט די ישיבה געטוישט איר סיסטעם ווי אזוי זי צאלט, און אנגעהויבן העכערן די געהאלט און אויך אנגעהויבן צאלן צייטליכער.

אין די זעלבע צייט האט זיך אויך די רעגירונגס פראבלעם פארבעסערט און איך האב באקומען א ריזיגע סומע געלט אויף צוריקצייטיגס. עס האט זיך אויסגעשטעלט אז אין א קורצער צייט האב איך געהאט ביי מיר א ריזיגע סומע געלט, אסאך מער ווי כ'האב געקענט דארפן.

איך האב געקענט באצאלן אלע מיינע חובות און געהאט פון דעם שפע אויף א שטיק צייט, אבער עס איז געקומען נאך דעם וואס איך האב זיך זייער

## מפיצים אמונה ומחיים נפשות

פון טיפן הארצן וויל איך אייך באדאנקען פאר די הערליכע גליון וואס איר געבט ארויס. עס איז סיי מלא תוכן און עס איז אויך זייער גוט און געשמאק געשריבן. יעדע מאל וואס די גליון קומט אן צו מיין האנט לייען איך עס אדורך פון אנהייב ביז צו די סוף און כ'שפיר דערביי א געוואלדיגע הארה. איך שעפ ארויס אסאך חיזוק פון איר באזונדער פון דער 'לשונם הזהב' אפטיילונג וואו עס ווערט אראפגעברענגט הערליכע ווערטער און געדאנקען פון פריערדיגע צדיקים.

## מפיצים אמונה ורואים ישועות

דער פארלאפענער ווינטער האט מיין משפחה אסאך געליטן פון די ווינטער קרענק. כמעט יעדן טאג איז א צווייטער געווען אין שטוב. איינמאל מיט סתם א פארקילונג, אן אנדערע מאל מיט אן אינפעקציע. מיר האבן באשלאסן אז מיר גייען תורם זיין געלט פאר די גליון מפיץ צו זיין די אמונה און אין דעם זכות ווילן מיר האפנטליך נישט ליידן מער פון דעם. מיר האבן אזוי געטון און ברוך ה' אז פון דעמאלטס ליידן מיר נישט קיין ווייטאג.

געמוטשעט און מתפלל געווען מעומקא דלבא.
איך האב געדאנקט הקב"ה אויף די שפע און אויך אויף די קרבת אלקים וואס איך האב זוכה געווען צו שפירן אין יענע צייט.

## מעקלעריי פאר הקב"ה

מיט יארן צוריק, זוכנדיג וואו אריינצוליגן אונזער געלט אז עס זאל קענען אריינברענגען א הכנסה וועלכע זאל קלעקענען צו קענען קויפן א דירה, האבן מיר געקויפט א גרויסער הויז אין צפון טייל ארץ ישראל פאר ביליג, גלייבנדיג אז ווען די טאג וועט קומען און מיר וועלן אויסלייזן אונזער דירה, וועט מען קענען פארקויפן די דירה און מיט דעם קויפן א צווייטע דירה.

די חשבון איז געווען א ריכטיגע. נאך צען יאר וואוינען אויף רענט איז די דירה געשטיגן דראסטיש און מיר האבן געזען א מעגליכקייט עס צו פארקויפן און לייזן אויף איר א שיינע מטבע און זיך קויפן מיט דאס געלט - א דירה אין צענטראלע חלק פון ארץ ישראל.

מיר האבן ארויסגעליגט צעטלעך אז אונזער דירה אין צפון שטייט צו פארקויפן, אבער קיין איינער איז נישט געווען אנטציקט פון איר - וויניג מענטשן האבן אריינגערופן און אויך די וואס האבן אריינגערופן האבן נישט ארויסגעוויזן קיין עקסטערע אינטערעסע אין די דירה.

זעענדיג אז עס גייט נישט נאטורליך האבן מיר זיך געוואנדן צו א מעקלער. מיר האבן אים געגעבן די דירה און געבעטן אז ער זאל זיך אפגעבן מיט דעם.

עס איז אריבער א שטיק צייט און אויך דאס האט נישט געברענגט קיין ערנסטע רעזולטאטן.

אין יענע צייט האב איך געליינט א שיינע מעשה אין די גליונות פון 'השגחה פרטית', אז א איד וואס האט געוואלט פארדינגען די דירה און נישט געטראפן קיין קליענט האט זיך אונטערגענומען אז זי גייט געבן די רענט געלט פאר צדקה.

די סדר העולם אין מעקלעריי איז אז דער מעקלער נעמט אראפ איין מאנאט חודש געלט פאר זיך. זי האט צוגעזאגט אז זי וועט געבן איין חודש מעקלעריי געלט פאר צדקה און גלייך געזען א ישועה. איך האב באשלאסן אז איך גיי איר נאכטון, איך וועל אראפגעבן א פראצענט פאר צדקה אין פאל אז איך טרעף א קונה אויף די דירה.

איך האב געמאכט די הבטחה און נאכאמאל מפרסם געווען די דירה מיט א פרישקייט גלייבנדיג אז די ישועה איז זייער נאנט.

עס האט נישט געדויערט לאנג, איינער האט אריינגערופן און זיך אינטערעסירט אין די דירה. דער איד האט געוואלט קומען זען די דירה, און נאכ'ן עס זען האט ער אויסגעדרוקט גרייטקייט צו קויפן די דירה.

ער האט שוין געהאלטן ביים שליסן די געשעפט ווען פלוצלונג איז אפירגעקומען א פראבלעם, די דירה איז נישט געווען ריכטיג איינגעשריבן אין די שטאט.

איך האב זיך דערמאנט אז צוליב טעכנישע פראבלעמען איז די דירה געבליבן אן קיין געהעריגע איינשרייבונג. בשעתו איז עס געווען א טעכנישע פראבלעם. מען האט עס געדארפט מסדר זיין, אבער עס האט זיך געשלעפט און געשלעפט, און יעצט איז עס נאכאמאל ארויפגעקומען.

איך האב געטראכט וואס איך קען טון, דאן איז מיר איינגעפאלן א געדאנק, זעענדיג אז די ערשטע צדקה האט געברענגט די ישועה האב איך זיך אונטערגענומען נאך א שיינע סומע צדקה אויב די זאך וועט ווערן מסודר.

גלייך נאכ'ן זיך אונטערנעמען האב איך זיך דערמאנט אז ביים קויפן די דירה האט דער אדוואקאט געזאגט אז ער וועט עס מסדר זיין, אבער ער האט פארגעסן פון דעם. איך האב זיך פארבינדן מיט אים. עס איז שוין אריבער פון דאן צען יאר אבער ער האט מיר געדענקט און זיך גלייך גענומען צו דעם.

אין געציילטע טעג איז די זאך געווארן מסודר און מען האט געשלאסן א מקח.

איך האב געזען בחוש אז אלעס וואס א איד דארף טון איז נעמען די ריכטיגע מעקלער פאר זיין געשעפט...

## הונדערט דאלער
## וויייניגער - טויזנט מער

מיינע עלטערן וואוינען אין אויסלאנד. אלע מיינע יארן האבן זיי געארבעט שווער פאר פרנסה און געטון וואס זיי האבן געקענט אריינצוברענגען ברויט אין שטוב אריין.

מיין טאטע האט נישט געארבעט פאר איינעם - ער פלעגט געבן סערוויס'ער פאר מענטשן אבער נישט אייביג איז די פרנסה געווען גלייך. עס איז געווען צייטן ווען ער האט געמאכט אסאך געלט און דאגעגן איז געווען צייטן ווען מען האט גארנישט פארדינט.

אויך מיין מאמע האט געארבעט. זי האט געהאט א סעקרעטאר דזשאב אין א ישיבה. איר פארדינסט איז געווען קליינגעלט, אבער עס איז געווען א קביעות'דיגע זאך, און ווען מיין טאטע האט נישט פארדינט האט זי געדעקט די קאסטן.

ווי געזאגט איז איר געהאלט געווען מאגער, אזוי אז ווען מען האט געלעבט אויף איר געהאלט איז אלעס געווען בצמצום.

אין די ישיבה וואו זי האט געארבעט איז געווען א גמ"ח, מען האט געקענט בארגן הונדערט דאלער און עס אפגעבן א שטיק צייט שפעטער.

דער פארבארגער האט געהאט א פרינציפ, ער האט געפאדערט אז ווען מען צאלט זאל מען ברענגען די געלט צו אים אין שטוב, ער האט גענומען דאס געלט אין אויסטויש פון א שטר, ער פלעגט געבן דאס שטר און מען האט אים געגעבן דאס געלט.

אמאל האט זיך געמאכט אז מיין מאמע האט געהאט געלט און אים געקלינגען אז זי וויל עס אפשיקן. ער האט געזאגט אז מען זאל עס ברענגען אין שטוב, אבער מיין מאמע האט נישט געהאט די מעגליכקייט אנצוקומען צו אים אין שטוב און געשיקט א קינד מיט דאס געלט.

דער בעל הגמ"ח האט גענומען דאס געלט און מיין מאמע האט זיך געשפירט רואיג אז זי האט באצאלט די סומע געלט.

פון יענע געשעעניש איז אריבער עטליכע וואכן און דער בעל הגמ"ח האט געהאנגען א צעטיל אין ישיבה אז איינער איז געבליבן שולדיג פאר די גמ"ח און צוגעלייגט דערביי א קאפיע פון דער שטר חוב.

איינער פון אונזערע קינדער האט דערקענט די שריפט און דערציילט פאר מיין מאמע. ווען מיין מאמע האט עס געהערט האט עס איר זייער פארדראסן. זי האט שוין געהאט באצאלט, און אויסערדעם האט זי געשפירט אז עס פעלט נישט אויס צוגיין אזוי ווייט און הענגען א צעטיל אין די ישיבה און פארשעמען אירע בחורים.

זי האט אריינגעקלינגען פאר דער בעל הגמ"ח. ער האט אויפגעהויבן און הערנדיג ווער עס רעדט האט ער גלייך געזאגט אז ענדליך קלינגט שוין דער בעל חוב.

מיין מאמע האט אים פרובירט צו דערמאנען אז זי האט שוין בעצם געצאלט, אבער עס איז נישט געווען צו וועמען צו רעדן. ער האט גע'טענה'ט חי וקים אז אזוי לאנג ווי די שטר חוב איז זיין האנט איז די חוב נישט באצאלט און ער געדענקט נישט אז זי האט געצאלט.

בימים ההם איז הונדערט דאלער געווען א פארמעגן פון געלט. עס איז געבליבן אז מיין מאמע מוז צאלן נאכאמאל. זי האט עס מקבל געווען באהבה און געשלינגען די בזיונות אויסנעמענדיג זיך אז אויב ער איז גערעכט אז זי האט נישט געצאלט - צאלט זי יעצט דער חוב - אויב זי איז גערעכט זאל עס זיין א נדבה פאר די גמ"ח.

עס איז געווען א שווערע איבערלעבעניש, אבער א שטיק צייט שפעטער האט מען איר פארגעשלאגן א בעסערע ארבעט פאר אסאך א בעסערע געהאלט.

נאך ביז היינט געניסט זי פון יענע ארבעט, זי האט דערלייגט א הונדערטער אבער זי האט פארדינט אסאך מער פון דעם.


## טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.
מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט

**פארבינדט זיך מיט אונז**
**אויפ'ן נומער - 9722-6-313-742**

## נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק
צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742** אדער אין ליין פון השגחה פרטית **02.30.11.300**|דריקט 6

**העברה לבנק לאומי**
סניף 902 | חשבון 57390056

**משלוח בדואר**
לת.ד. 5475 ירושלים

**בעמדות נדרים פלוס**
ע"ש השגחה פרטית



# קלינג ארייין שפיר דעם טעם.

צענדליגע טויזנטע
אידן פון די גאנצע
וועלט
**לעבן א בעסערע און**
**א געשמאקערע לעבן**
אדאנק די השגחה
פרטית ליניע

**זיי דו אויך פון די גליקליכע - מאך דעם טעלעפאן קאלל**
און הייב אן לעבן
א רואיגערע און
באַ'טעמ'טע לעבן פול
מיט מנוחת הנפש און
ישוב הדעת

**פון ארץ ישראל**
+972-30-11-300,
**פון ארה"ב**
151-86-130-140,
**פון אנגליה**
0-330-3900-489,
**פון בלגיה**
0-380-844-28,
**פון ארגנטינה**
398-840-31,
**פון דרום אפריקה**
8755-18-521,
**פון אוקראינה**
380-947-100-633


# לשונם הזהב

## השגחה פרטית בספרים הקדושים

### אז מען גייט על פי תורה טוישט זיך די גזר דין

צריך להאמין שהתפילות והזכויות והצדקות ישנו הנגזר עליו לפי מהלכות הכוכבים לטוב, גם ממוות לחיים, מיגון לשמחה ומאבל ליום טוב, ובאו בסוגיא זו דברים יורו על זאת האמונה, ואמרו דרך כלל 'אין מזל לישראל', ורוצה בשם "ישראל' הגדור בדרכי הדת, ואל תביט למאמר האומר 'יש מזל לישראל', שפעמים היו קצת חכמים נבוכים בראותם העדר הסידור באופני עונש וגמול בני אדם, כמאמר האומר 'חיי בני ומזוני, לאו בזכותא תליא מילתא, אלא במזלא תליא מילתא', וסופר במקומו שלא הביאו לומר כן, אלא מה שראה למי שהיה צדיק וחכם וחסיד, וראהו קשה יום ובלתי מצליח באלו העניינים. וכן אמר אחד מהם על אמרם 'דלת הנבעלת לא במהרה תיפתח, וכן כל שמריעין לו לא במהרה מיטיבין לו', אמר אחד מהם 'לעולם אין מיטיבין לו', וכבר סופר במקומו שלא הביאו לומר כן אלא מה שראה מקשי מזלו עם צדקו נפשו עד שנאמר עליו, ולא היא משום מילתא דנפשיה הוא דקאמר הכי, וכל זה הוראה שאינם אלא מאמרים נאמרים לפי מה שהיו רואים בעצמם או בזולתם מקשי יומם, עם דעתם, צדקתם ותומת יושרם, אבל המאמר הכללי שאין מזל לישראל, רצה לומר שאמונת הגמול והעונש יכריח הכול.

(בית הבחירה למאירי שבת קנו, ד"ה מפנות הדת)

### פארלאז זיך נאר אויף אים

**ר' חונה משתעי הדין עובדא** ר' חונה האט דערציילט די מעשה: **חד גיור** איין גר **הוה איסטרולוגוס** האט געקענט זען אין די שטערנס, **חד זמן** איינמאל **אתא בעי מיפיק** האט ער געוואלט ארויסגיין אויף א וועג, ער האט געזען אין די שטערענס אז יעצט איז מסוכן צו גיין אויף די וועג. **אמר** האט ער געזאגט בלשון שאלה: **כדון נפקין?** צי וועל איך יעצט ארויסגיין? שפעטער האט ער חרטה געהאט **חזר** בו **ואמר: כלום אידבקת בהדא אומתא קדישתא לא למיפרש מן אילין מילייא** ווער האט געזאגט צי וועגן דעם האב איך זיך מתדבק געווען אין דער הייליגער פאלק זיך אפצולאזן פון די זאכן? **ניפוק על שמיה דבריין** איך וועל ארויסגיין אויפ'ן וועג און זיך פארלאזן אויפ'ן בורא - ער איז ארויס אויפ'ן וועג און א חיה רעה האט אים באפאלן **קריב למכסח** די חיה רעה האט אים געוואלט פארצוקן. **יהב לה חמרה** האט ער איר געגעבן זיין אייזל **ואכלה** און די חיה רעה האט געגעסן די חמור און ער איז ניצול געווארן. האט ר' חונה אויסגעפירט **מאן גרם ליה דיפל?** וואס האט גורם געווען אז ער זאל אריינפאלן אין די סכנה? **בגין דהרהר** ווייל ער האט זיך געוואלט פארלאזן אויף די כוכבים. **מאן גרם ליה דאישתיזיב?** ווער האט גורם געווען אז ער זאל ניצול ווערן? **בגין דאתרחץ על ברייה** ווייל ער האט זיך פארלאזט אויף הקב"ה.

(ירושלמי מסכת שבת פ"ה ה"ט)

נפלה מפיו, צבי הפסיקו בדרך, ואמר: אות הוא כי לא יצליח דרכו, וסר מן הדרך בעבור זה, והדומה לעניינים האלה. שלא ילך לקראת נחשים, הן לעשות מעשה הן להימנע מן המעשה. "לא תעוננו" - לשון עונות ושעות, שאומר: יום פלוני יפה להתחיל מלאכה, שעה פלונית קשה לצאת, ואין לשמוע אל הוברי שמים. אבל יבטח לבך בה' אלוקי השמים ואלוקי הארץ. על כן כתוב על העניין הזה (דברים יח): "תמים תהיה עם ה' אלוקיך", למדנו מזה כי המעוננים והקוסמים נעדרים בטחון, והעלילות הנשחתות ההם - מעשה ארץ כנען, שנאמר (שם יד): "כי הגויים ההם אשר אתה יורש אותם אל מעוננים ואל קוסמים ישמעו, ואתה לא כן נתן לך ה' אלוקיך".

(שערי תשובה לרבינו יונה פרק ג, פו)

### ווער עס פארלאזט זיך אויף הקב"ה דארף נישט זארגן

הבטוח בה' הוא כל כך חזק ברוחו, עד שאף במקום סכנה הוא לא יחת מהחיות הטורפות כלל, והוא רחיץ על הבורא, ויינצל מכל הסכנות והפגעים. וכל שכן שבנוגע לשאלות החיים, שלא ידאוג בהימצא אף במקום שלפי הנראה אי אפשר לו להשיג שם מחייתו, ולא יחרד ויפחד בלבבו כלל, אלא יסמוך על בטחונו בה' שישיג מה שצריך לו, ולא ייפלא מה' דבר להטריפו, אף במקומות שנראה לו שאי אפשר להשיג טרף לביתו שם. ועומד על דעתו בברירות גדולה שה' יטריפו לפי הרגילו, עד שנחשב אצלו כאילו כבר מזומן ומוכן לפניו כל מה שצריך לו, ואינו מוותר כלל מהרגילו.

(מדרגת האדם, דרכי הבטחון)

### נאכקוקן די מזלות וכוכבים איז א חסרון באמונה

"לא תנחשו" - כגון אלו המנחשים בחולדה ובעופות, פתו

# א פינטעלע ליכטיגקייט

## אויסצויגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

א שיינע און א געשמאקע מוזיק הערט זיך אין די הינטערגרונד, עלעגאנטע סארווערס מיט שיינע רעקלעך און פולע טעץ פון עסן דרייען זיך ארום צווישן די פארזאמלטע און סערווירן די פארזאמלטע מיט מעדני מלך.

די שמחה דערקענט זיך אויף יעדן'ס פנים. יעדער שמייכלט, יעדער איז גוטמוטיג, אבער נישט יעדער איינער איז פרייליך וועגן די זעלבע זאך, נישט יעדער איז דא פאר די זעלבע מטרה.

עס איז דא געסט וואס זענען דא צו זעטיגן זייער הונגער. שוין א לאנגער צייט ווארטן זיי צו עסן א זעטיגע סעודה, און אז זיי האבן עס זענען זיי געקומען צו גיין.

אנדערע זענען דא ווייל זיי גלייכן די קאפעליע, נאך א שיכט איז דא ווייל ער וויל טרעפן געוויסע מענטשן.

בלויז א קליינע פראצענט פון די פארזאמלטע איז דא וועגן דער אמת'ער ציל - צו דערפרייען די חתן און די כלה.

די הייליגע חכמים [עירובין נד] שטעלן צו די לעבן אויף די וועלט ווי א חתונה. זיי דרוקן זיך אויס מיט די ווערטער: "עלמא כהילולא דמי".

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור
### פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א
### אונזער שליחות אויף די וועלט - לעבן מיט אמונה

דער דגל מחנה אפרים אין פרשת תרומה שמועסט אויס דער צושטעל.

ער זאגט אז די וועלט איז ווי א חתונה, אזוי ווי ביי א חתונה איז דא מענטשן וואס כאפן זיך אן אין דער 'טפל', אין די עסן, און פארגעסן די עיקר אז מען דארף משמח זיין די חתן וכלה, איז די זעלבע זאך מיט די וועלט.

עס איז דא מענטשן וואס לעבן אויף די וועלט צו עסן, צו טרינקען, צו פארדינען געלט, זיי פארגעסן אז מיר זענען דא וועגן די חתן וכלה - וועגן די יחוד פון קוב"ה ושכינתיה.

די וועלט אין וואס מיר לעבן היינט איז א מגושמ'דיגער וועלט - עס איז מציע גרעניצלאזע תענוגים און שוואוילטאגן, אבער מיר טארן נישט ווערן פארבלענדעט דורך איר.

מען דארף געדענקען אז מיר זענען דא מיט א שליחות - אז מען זאל לעבן מיט אמונה, אז אלע אונזערע מעשים זאלן זיין לשם שמים.

אז מען וועט לעבן אזוי - וועט דאס לעבן האבן א תכלית און אונז פירן צו די תכלית.